תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# אונזער תורה קוואל

## פרשת ויצא



## כיתה ו' (א-כ)

הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו

הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו

בס"ד

# חידו"ת לפרשת ויצא

**ויצא יעקב מבאר שבע.**

וברש"י מגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם וכו'. ונראה לדקדק דהיה לו לומר וירד יעקב מבאר שבע, כי בכל מקום שכתוב בתורה על אודות יציאה מארץ ישראל כתיב בלשון ירידה לפי שארץ ישראל גבוהה מכל הארצות. אולם תמיד כתיב בלשון ירידה, לפי שארץ ישראל ברוחניות ובקדושה גבוהה מכל הארצות, והיוצא משם יורד מקדושתו מתוך שעוזב את המקום המקודש, אבל יעקב כשיצא מבאר שבע, הלכה קדושת ארץ ישראל עמו ודבקה בו, ולכן לא היתה יציאתו ירידה, כי לא ירד מקדושתו. וזה שפירש רש"י, "ויצא יעקב", ולמה לא כתיב "וירד יעקב", אלא משום דכשיצא משם פנה הודה ופנה זיוה, שהלך ההוד והזיו עמו ונעשה המקום קצת פנוי מן ההוד כיון שדבקה בו והלכה אתו לחרן.

**(קדושת לוי)**

**וייקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי.**

יש לדקדק למה לו לסיים ואנכי לא ידעתי. ונראה דהנה איתא בגמרא דחלומות באים מהרהרי לבו של האדם ביום, דהרי מימיו לא חלם אדם שפיל נכנס בתוך מחט דק לפי שלא עלה על לבו הרהור כזה מעולם כיון שאי אפשר להיות. והנה הכא שאמר יעקב אכן יש ד' במקום הזה והוכחתו היתה מזה שחלם שד' נצב עליו, לכאורה איכא למימר שבאמת זה אינו, אלא שביום הרהר כן שד' נצב עליו ולכן חלם כך בלילה, על זה אמר יעקב אכן יש ד' במקום הזה, והראיה שהרי "ואנכי לא ידעתי" היינו שמעולם לא ידעתי ולא עלה על לבי שיש ד' במקום הזה, על כן אי אפשר להיות שהחלום בא לי מהרהורי היום שהרי לא ידעתי ולא הרהרתי מזה כלום ביום, אלא בודאי חלום אמת הוא שיש ד' במקום הזה.

**(חנוכת התורה)**

**וייקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ה' במקום הזה ואנכי לא ידעתי.**

ואפשר לפרש דהנה הביא רש"י למעלה על וישכב במקום ההוא, שי"ד שנים ששימש בבית עבר לא שכב בלילה אלא עסק בתורה, ובמקום הזה ראה בשינתו והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים, וד' נצב עליו ויאמר לו אנכי אלקי אביך וג"ו, ונוכח לראות שגם בשינה יכולין להיות מקושר להשי"ת ולעבדו ית"ש, ולא כמו שחשב בבית עבר שאסור לשכב בלילה אלא צריכין להיות ער ולעבוד את השי"ת בלימוד תורתו. ולזה אמר, אכן יש ד' במקום הזה, "היינו שגם במקום שינה יש דביקות להשי"ת" ואנכי לא ידעתי, שיכולין להיות דבוק בהשי"ת "גם בשינה" אלא נמנעתי מלישון זה י"ד שנים.

**(אוהב ישראל)**

בס״ד

# ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה

**יש לרמז בראשי תיבות של הפסוק מה שאמרו רז״ל שאליפז רץ אחר יעקב ולקח את כל ממונו ולא השאיר בידו כי אם מקלו בלבד**

**וזה אמר הכתוב:**

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| **ו**יצא | **י**שא | **מ**יד | **ש**הוא | **ו**יתן | **ח**פציו |
| **י**עקב | **ע**שו | **ב**א | **ב**ן | **י**עקב | **ר**ק |
| **צ**דיק | **ק**ול | **א**ליפז | **ע**שו | **ל**ו | **נ**שאר |
| **א**ז | **ב**כי | **ר**שע | | **כ**ל | **ה**מקל |

# ויספר ללבן את כל הדברים האלה

**יש לומר שמרומז כאן בראשי תיבות מה שסיפר לו:**

| | | |
|---|---|---|
| **א**ל | **ה**באתי | **ה**לך |
| **ת**תמה | **ד**בר | **א**ליפז |
| | **ב**רכוש | **ל**קח |
| **כ**י | **ר**ב | **ה**כל |
| **ל**א | **י**צאתי | |
| | **מ**שם | |

(דברי מהרי״א)

בס"ד

# יארצייט פון צדיקים

**ח' כסלו**

## הרה"ק רבי אהרן בן הרה"ק רבי מרדכי מטשערנאביל זצ"ל

**דער** הייליגער רבי אהר'לע טשערנאבלער זי"ע פלעגט סוף ימיו זיצן ביי זיך אין שטוב, שטארק פארטראכט בדביקות, צדיקים האבן געזאגט אויף אים, אז כאטש ער לעבט נאך דא אויף דער וועלט, דאך האט ער שוין מער נישט קיין שום שייכות מיט דער וועלט, ער איז שוין אינגאנצן אויסגעטאן פון דעם גשמיות פון דער וועלט.

**האט** אמאל פאסירט אז ביי רבי אהרן אין שטוב איז אן אייניקל געווען אין א מצב פון סכנת נפשות רח"ל, דער מצב איז געווען זייער ערנסט, געוועגליך ביי אזא מצב פלעגט מען לויפן צום רבי'ן און מזכיר זיין דעם חולה ער זאל מעורר רחמים זיין, אבער אז רבי אהרן איז געזעצן אזוי פאר'דביקות'ט, אז קיינער האט זיך נישט געוואגט צוגיין צום רבי'ן מבלבל זיין, האט מען זיך מחזק געווען און מען האט געווארט אויף די ישועה, אבער דער מצב ביים קינד איז ערגער געווארן, עס האט שוין געהאלטן ממש ביי די לעצטע מינוטן רח"ל, האט מען מער נישט געהאט קיין ברירה, נאר אריינצוגיין צום רבי'ן מזכיר זיין דאס קינד, אבער ווער וואגט זיך דען אריינצוגיין.

**דער** אלטער משמש וועלכער האט געהייסן חלאבנע, וואס ער איז נאך געווען משמש בקודש ביים הייליגן טשערנאבלער מגיד זי"ע (דער משמש איז געווען א חסיד און א ירא שמים, אבער א פשוטער תמימות'דיגער איד נישט קיין גרויסער תלמיד חכם), ער האט גענומען די דרייסטקייט און ער איז אריין געגאנגען צום רבי'ן אין צימער, ער האט זיך אוועק געשטעלט קעגן איבער דעם רבי'ן, דער רבי האט אים אבער נישט באמערקט, האט זיך חלאבנע אנגערופן:

"דער רבי זיצט דא און דער קינד האלט ביים אויסגיין, רחמנא ליצלן", רבי אהרן זיצט זיך אזוי פאר'דביקות'ט און הערט אפילו נישט וואס ער זאגט, חזר'ט חלאבנע נאכאמאל איבער, זיינע פריערדיגע ווערטער, און אזוי זאגט ער איבער עטליכע מאל, ביז פלוצלינג האט זיך רבי אהרן דערוועקט, פרעגט ער, חלאבנע, וואס ווילסטו זאל איך טוהן?, האט חלאבנע געזאגט וואס הייסט, דאס קינד האלט ביי די לעצטע מינוטן און דער רבי זיצט רואיג כאילו לא היה, האט רבי אהרן געזאגט, גוט, מיר וועלן גיין.

**ער** האט זיך אנגעטוהן דעם פעלץ און איז געגאנגען צום קינד. דער מצב האט שוין געהאלטן זייער שווער, האט רבי אהרן אנגעוואנטשן א רפואה שלימה דער אויבערשטער זאל העלפן, און ער האט שוין געוואלט גיין, זאגט חלאבנע ווייטער, וואס נעמט דער רבי דאס אן אזוי גרינג, מען וואונטשט אן און מ'גייט ווייטער?, פרעגט אים רבי אהרן, נאר וואס נאך זאל איך טוהן?, זאגט חלאבנע מיט א ערנסטקייט, וואס הייסט?, ביי אייער פאטער דער טשערנאבלער מגיד אז עס האט זיך אמאל געמאכט, אז א קינד איז נשיט געזונט געווען, עס האט שוין געהאלטן ביי מינוטן, איז ער געקומען צום קינד און געזאגט "**מלאך רפאל איך בין גוזר אויף דיר דו זאלסט שוין קומען היילן דאס קינד**", און דאס קינד האט באלד געהאט א רפואה שלימה, זאגט רבי אהרן מיט אן עניוות'דיגן שמייכל "**דאס קענען מיר נישט זאגן, מיר קענען זאגן, מלאך רפאל, איך בעט אז דו זאלסט שוין קומען היילן דאס קינד**", עס איז איבעריג צו זאגן, אז דאס קינד האט באלד געהאט א רפואה שלימה.

בס"ד

# פון מדרשים פון די וואך

**ויחלום והנה סלם מוצב ארצה**

יעקב האט געהערט ווי אזוי די מלאכים זאגן "בא השמש בא השמש" ווייל יעקב ווערט אנגערופן שמש ווייל ער האט באלאכטן די וועלט. די לייטער איז געשטאנען אויף א בענקל פון דריי פיס צו מרמז זיין אז בזכות די דריי אבות הק' שטייט די וועלט.

די "סולם" איז א רמז צו די "מזבח" וואס שטייט אויף די ערד און די קרבנות וואס גייען ארויף השמימה, די "מלאכים" זענען מרמז אויף די "כהנים" וואס מאכן די הייליגע עבודה.

"סלם" איז בגימטריא "סיני" צו מרמז זיין אז די לייטער איז אזוי ווי די בארג סיני און די מלאכים זענען אזוי ווי משה מיט אהרן וואס משה איז ארויף אין הימל נעמען די תורה און אהרן וואס האט געמאכט די הייליגע עבודה אין משכן.

די לייטער איז אויך מרמז אויף די וועלט, און מענטשן זענען עולים ויורדים בו, מענטשן ווערן רייך, מענטשן ווערן ארים, מענטשן ווערן גרויס, און מענטשן ווערן קליין א.א.וו.

דער אייבישטער האט אים געוויזן די בית המקדש ווען עס איז געבויט און די בית המקדש ווען ס'איז חרוב און אויך ווען ס'וועט צוריק אויפגעבויט ווערן.

**והנה מלאכים אלקים**

די לייטער איז געווען זייער א ברייטע לייטער, די צוויי מלאכים פון ארץ ישראל וואס האבן באגלייט יעקב זענען ארויף אין הימל און ס'איז אראפ געקומען צוויי אנדערע מלאכים, די מלאכים האבן אים געוואלט הרג'ענען ווייל אויף די כסא הכבוד איז אויסגעקריצט פיר צורות: די צורה פון יעקב אבינו, א לייב, א פייגל, און א אדלער [וועגן דעם ווען יעקב האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף און ביי זיין חלום האט ער געזעהן די כסא הכבוד האט ער געזאגט "**אכן יש ה' במקום הזה**", כ'האב געוואוסט אז עס איז דא דא אויף די כסא הכבוד די צורות פון "**אכן**" וואס דאס איז: **א**'ריה (לייב), **כ**'רוב (פייגל), **נ**'שר (אדלער). אבער "ואנכי לא ידעתי", כ'האב אבער נישט געוואוסט ביז היינט אז עס איז דא אויף די כסא הכבוד די צורות פון "**אנכי**" וואס דאס איז **א**'ריה (לייב), **נ**'שר (אדלער), **כ**'רוב (פייגל), **י**'עקב. און דאס איז יעקב יעצט געוואויר געווארן ביי זיין חלום אז זיין צורה איז אויך אויסגעקריצט אויפן כסא הכבוד, (הרה"ק רבי שמשון מאסטראפאליע)], און די מלאכים האבן געזעהן די הייליגע צורה פון יעקב אבינו אויף די כסא הכבוד און יעצט ווען זיי קומען אראפ זעהען זיי אים דא שלאפן אונטן, אבער ס'איז געווען אנדערע מלאכים וואס האבן אים אכטונג געגעבן.

**עולים ויורדים בו**

די מלאכים וואס האבן גערעדט גוטס אויף יעקב אבינו זענען ארויף א דרגה, און די מלאכים וואס האבן אים געוואלט הרגענען זענען אראפ א דרגה, וועגן דעם שטייט "עולים ויורדים", און אויך דער אויבערשטער

אליין איז געקומען שטיין נעבן אים כדי אים אכטונג צו געבן.

אויך זענען יעצט ארויף די מלאכים וואס זענען געקומען איבער דרייען די שטאט סדום, ווייל זיי האבן געזינדיגט מיט צוויי זאכן, איינס אז זיי האבן געזאגט פאר לוט אז זיי גייען איבער דרייען די שטאט, און דער אייבישטער האט זיי נישט געהייסן אויסזאגן וואס זיי גייען מאכן, און די צווייטע זאך אז זיי האבן געזאגט כי משחיתים אנחנו, זיי האבן געדארפט זאגן כי הקב"ה משחית און נישט אויף זיי, דעריבער זענען די מלאכים באשטראפט געווארן אז זיי זענען פארטריבן געווארן פון די שכינה הק' און יעצט האבן זיי באקומען רשות ארויף צו גיין צוריק צו די שכינה.

*

דער אייבישטער האט אויך געוויזן פאר יעקב אבינו אלע שרים און יעדע שר איז ארויף אזויפיל טרעפ וויפיל יאר זיי וועלן א שר, דער שר פון בבל איז ארויף זיבעציג טרעפ ווייל ער איז געווען זיבעציג יאר א שר, און נאכדעם איז ער צוריק אראפ. דער שר פון מדי איז ארויף צוויי און פופציג טרעפ, דער שר פון יון הונדערט אכציג. ווען מ'האט געוויזן פאר יעקב דער שר פון אדום גייט ארויף און גייט נישט צוריק אראפ האט ער מורא געהאט אז ער וועט אייביג זיין גרויס, האט אים דער אייבישטער געזאגט אל תתירא אפילו ער איז ארויף ביז די כסא הכבוד אבער פון דארט וועל איך אים אראפ נעמען. יעקב האט אויך געדארפט ארויפגיין אויף די לייטער אבער ער האט געטראכט פארוואס זאל איך ארויף גיין און נאכדעם וועל איך דארפן צוריק אראפ גיין אזוי ווי די אלע שרים פון די גוים, האט אים דער אייבישטער צוגעזאגט אז ער וועט אייביג בלייבן אויבן און ער וועט קיינמאל נישט אראפ גיין פון לעבן די כסא הכבוד.

## משל לפרשת השבוע

**ויפגע במקום**

רש"י זאגט אז ויפגע איז א לשון פון תפילה, אז יעקב אבינו האט מתקן געווען די תפילה פון מעריב. די גמרא זאגט אז תפילת מעריב איז א רשות, נאר אויב מ'וויל קען מען דאווענען מעריב [היינט מוז מען דאווענען מעריב]. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס די תפילה פון שחרית וואס אברהם האט מתקן געווען דארף מען דאווענען און די תפילה פון מנחה וואס יצחק האט מתקן געווען דארף מען אויך דאווענען, און נאר די תפילה פון מעריב וואס יעקב האט מתקן געווען איז עס נאר א רשות, וואס דאס מיינט אויב מ'וויל, [ביז ווען די אנשי כנסת הגדולה האבן געזאגט אז ס'איז א חוב און מ'מוז דאווענען מעריב].

מ'קען מסביר זיין די ענין מיט א משל: א עושר האט געהאט א זוהן וואס ער האט זיך נישט גוט אויפגעפירט, און ער האט שטארק דערצערנט זיין טאטע, ביז זיין טאטע האט זיך אויפגערעגט אויף אים און אים פארטריבן פון זיין שטוב, דער זוהן איז אוועק אין א ווייטע שטאט און איז דארט געגאנגען אין די הייזער פארקויפן פארשידענע סארט זאכן, דערווייל האט זיך אביסל בארוהיגט די כעס פונעם טאטן, און ער האט געווארט אז דער זוהן זאל זיך פארבעסערן און אהיים קומען אים איבער בעטן, אדער כאטש זאל ער שרייבן א בריוו, אדער וועט ער שיקן איינעם זאגן פאר

בס"ד

זיין פאטער אז ער וועט זיך שוין בעסערן, אבער דער זוהן האט גארנישט געשיקט איבער בעטן זיין טאטע.

איינמאל איז געקומען א סוחר צום פאטער וועגן האנדלען מיט אים און קויפן ביי אים סחורה, ווען זיי האבן געענדיגט די מסחר האבן זיי געשמועסט, האט דער סוחר זיך אנגערופן צום פאטער: דו ווייסט פאריגע וואך האב איך געזעהן דיין זוהן אין די שטאט מינסק ווי אזוי ער גייט ארום פון שטוב צו שטוב פארקויפן סחורה, דער סוחר האט גע'מוסר'ט דעם פאטער פארוואס ער נעמט נאכנישט צוריק זיין זוהן, האט דער פאטער געזאגט אז ערווארט אז דער זוהן זאל אים קומען איבער בעטן אדער זאל ער כאטש שיקן א שליח מיך איבער בעטן, האט דער סוחר געזאגט, אויב דאס איז די סיבה פארוואס דו נעמסט אים נאכנישט צוריק, דעמאלטס בעט איך דיך איבער יעצט אין זיין נאמען, בין איך דען א שלעכטער שליח, האט דער פאטער געזאגט, דו פארשטייסט נישט וואס איך זאג, מיין איך דען דאס איבערבעטן, איך מיין נאר אז ער זאל זיך פארבעסערן, דעריבער אז ער וועט קומען צו מיר און מיר איבערבעטן אויף וואס ער האט געטוהן ביז יעצט און ער וועט מיר צוזאגן אז ער וועט אזוי מער נישט טוהן, אדער אז ער וועט שיקן דאס זאגן דורך א שליח דעמאלטס וועל איך אים נעמען אהיים, אבער דיך האט דאך מיין זוהן גארנישט געבעטן דו זאלסט מיך איבער בעטן אין זיין נאמען, און נאר ווייל דו האסט געשמועסט מיט מיר האסטו זיך דערמאנט אין אים און דו האסט גערעדט מיט מיר אפאר ווערטער פאר אים, וועגן די פאר ווערטער זאל איך אים אהיים נעמען, דו ביזסט דאך נישט געקומען צו מיר נאר וועגן מיין זוהן, נאר אינמיטן שמועסן האסטו זיך דערמאנט וועגן מיין זוהן צו רעדן, פארשטיי איך אז די בקשה וועגן מיין זוהן, איז אויך ביי דיר נישט אזא וויכטיגע זאך.

*

[עס איז דא צוויי סארטן בקשות אויב ראובן קומט צו שמעון אהיים ער זאל אים בארגן צעהן רובל, טראכט שמעון צו זיך אז ראובן איז געקומען ביז צו מיר אהיים וועגן די צעהן רובל מסתמא דארף ער עס וויכטיג, דעמאלטס בארגט ער אים, אבער אז ראובן האט געטראפן שמעון אין גאס און ער האט אים געבעטן ער זאל אים בארגן צעהן רובל, וועט ער אים נישט בארגן, ווייל שמעון טראכט ביי זיך, אויב ראובן וואלט געדארפט וויכטיג האבן די צעהן רובל, וואלט ער געקומען צו מיר אהיים, און נישט אז ווען ער האט אים געטראפן האט ער אים געבעטן צעהן רובל].

דאס זעלבע איז געווען ביי דעם פלאץ דארף יעקב, ער איז נישט געקומען צום הר המוריה וועגן דאווענען מעריב, נאר ער איז געגאנגען זיין וועג קיין חרן, און ווייל ער האט זיך דערמאנט אז אין הר המוריה האבן זיינע עלטערן געדאווענט, האט ער אויך געדאווענט מעריב, דעריבער איז זיין תפילה אין אנהייב געווען נאר א רשות, אבער אברהם און יצחק וואס זענען געגאנגען פון דערהיים צום הר המוריה נאר וועגן דעם, צו קענען דאווענען פאר'ן באשעפער, אברהם איז געגאנגען דאווענען שחרית און יצחק איז געגאנגען דאווענען מנחה, דעריבער איז זייערע תפילות גלייך געווארן א חוב פאר אלע זייער קינדער, די כלל ישראל.

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר
בהתייסדות כ״ק מרן רבינו הקוה״ט זיעועכי״א - בנשיאות כ״ק מרן רבינו הגה״ק שליט״א
קרית יואל - בני ברק

בס״ד

# קעסטל רעטעניש

**מעק אויס די נומערן וואס באטרעפן: ג – ז – ח – ט – ל – ס – צ – ק**

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| 200 | 3 | 10 | 7 | 3 | 20 |
| 9 | 2 | 4 | 8 | 5 | 1 |
| 10 | 10 | 60 | 50 | 70 | 30 |
| 400 | 90 | 70 | 30 | 10 | 20 |
| 2 | 5 | 1 | 10 | 30 | 5 |
| 300 | 10 | 1 | 100 | 10 | 50 |
| 70 | 80 | 8 | 5 | 10 | 100 |
| 30 | 5 | 4 | 6 | 1 | 40 |
| 60 | 4 | 9 | 400 | 3 | 1 |

**די אנדערע נומערן שרייב אריין די אותיות וואס זיי באטרעפן**

**אין די קומענדיגע קעסטלעך וועסטו טרעפן וואס __ __ __ האט געזאגט**

**ווען __ __ __ __ __ מיט __ __ __ __ __ זענען געבוירן**